אנקעוו ב

15·32·

צווישן ביכער און מעכאַבּרים

מעינקע קאַצס לידער צו וועלכע מען דאַרף א דאָקטער...

איז עס דער דיכטער מעינקע קאַץ, וואָס „זינגט דאָס ליד" (ריכטיקער: ריטשעט דאָס געשריי") פון די „דריי שוועסטער" *) אָדער איז עס ניט דער דיכטער מעינקע קאַץ, נאָר א לומפּ, וואָס איז געוואָרן „דער האַר פון הינטערהויפן, פון קרעציקע נעכט און היימלאָזע קעץ"? אָדער איז עס דער דערמאַנטער דיכטער, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַ א לומפּ, צי א לומפּ, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר א דיכטער? דאָס איז אביסל שווער צו וויסן. זיכער אָבער איז, אז וועגן מעינקע קאַצס ריטשעריי „דריי שוועסטער" וואָלט געדאַרפט שרייבן ניט א ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר א ספּעציאַליסט אין... פּאַטאָלאָגיע. דאָס זיינען קראַנקע און מאַניאַקישע געשרייען, געשריבן ניט טאָמיד אין טאַלאַנט.

ווער זיינען די דריי שוועסטער? דאָס זיינען— די שענסטע לידער פון מעינקע קאַץ. אזוי זאָגט אונדז דער דיכטער. זיי ברענגען אים אזוי ווי סעגלען און ער שטעלט זיי אַלע דריי אויס אין א סעגל:

מיינע מיינע
מיינע.

מעינקע קאַץ האָט א שטיק מאַניע אין שוואַכקייט צו סעגלען. אז זיין קינד איז אַלט דריי יאָר, איז עס א בלוטיקער סעגל און אומעטום וואו עס זיינען דאָ דריי איז עס פאַר אים א סעגל.

וואָס זשע זיינען פאַרט די דריי שוועסטער כּוץ א סעגל און כּוץ מעינקע קאַצס שענסטע לידער?

אָט איז די דריטע:

איינע ווייזט זיך קעגן מיר
ווי אין א טויטנטענצל א לעצטער פּאַרנאַכט,
גיי איך קעגן איר ווי דורך א
שפּיגל
מיט טריט פון אומבאַקאַנטע געסט
און צעפּראַלט זי ווי א וואונדער
א פאַרמאַכטן
הערט זי אין מיין גאַנג
געזאַנג פון א קאַברענס א לידל
פאַרגייט זי אזוי באַנג.
ווי פּלאַטער פון א שטאַרבנדיקער קראַ
ערגעץ אין אן איינזאַמער נעסט

אָט א די דאָזיקע שוועסטער דערקענען מיר אביסל. זי איז א קרויווע מיט פּערעצס דריטער נייטאָרן, די דאָזיקע, וואָס זאָגט:

העט, פאַרגעסן, וואָס געווען אמאָל,
טאַבריכים וועט מיר געבן קאַהעל,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן.

פאַרשטייט זיך, אז בא פּערעצן איז זי ניט דאָס שענסטע ליד זיינס און זי וויל שטאַרבן ניט אזוי קרענקלעך סעקסועל, ווי בא אונדזער יונגן דיכטער וואַגאַבונד.

און אָט איז דאָס געזאַנג פון דער צווייטער שוועסטער:

טרויעריקער אינגל, מיט לויכטענדיקער אומרו
ווי וואָלפישע אויגן קעגן ביקס פון יעגער,
איך קום צו דיר,
ווי א ווייטער יאָמער פון פאַרבלוטיקטע קוסטעס
און מיש —
פון מיינע יונגע טעג— די פאַרוויאַנעטע בלעטער.
צו צוועלף יאָר בין איך געווען א קורווע,
און געוויקלט מיין לייב אַרום אַלערליי מענער,
איצט ברודיק בין איך אוועק אין ציכטיקן געלעגער.
און ס'איז מיט זנוס געגרייט מיין אויסגעפּוצטער טיש.

---

*) מעינקע קאַץ „דריי שוועסטער". ניו־יאָרק 1932).

ב.)— צאַנ
ן בעסטיע בלוט גע
פירט
זעגן זון און באַריקאַדן
האָב איך מיין בלאַנדקייט
פאַרפירט
אין צעשפּילטע שויסן פון
מעסעריונגען.

און אָט איז דאָס געזאַנג פון דער ערשטער שוועסטער:

אינגל פון נאַכטיקן לאַנד —
רייס אַראָפּ פון מיר דאָס
בלויזע העמד
כ'וויל ליגן פאַר דיר נאַקעט—
אומפאַרשעמט
זאָל נאָר גרינען אין די האָר
דער שמאַלער באַנד
און קוקן מיט שרעק אויף אונדזער שפּיל.
צענעם
אין רייפע פערזן פון אן ערשט־געבוירענעם ליד.
זאָל וואונדער פאַר וואונדער
זיך ניט שעמען.
זיך ליג פאַר דיר אָפן און
אָנגעגליט
און הער
ווי ס'ריידן (ס'רעדט— י. ב.) זיך
צוזאַמען גליד מיט גליד.

ווער זשע איז דער, וואָס אָט די דריי שוועסטער זיינען די שענסטע לידער זיינע? איינמאָל זאָגט ער, אז ער איז „האַר פון קרעציקע נעכט און היימלאָזע קעץ", שפּעטער זאָגט ער:

איך בין פון זון און מענטש
אוועק
און צייל אויס מיינע טעג
צווישן מייז און פייכטע לעכער
א. אז. וו.
האָב איך פון אַלע מייז
אַליין זיך קעניג אויסדערוויילט
און פיר זיי מאַכנעסווייז
דורך שמאָלע איימערדיקע חיילן—

און זינגען זיינע לידער זינגט דער האַר איבער די קעץ און דער קעניג איבער די מייז; (ער „זינגט" זיי דאַווקע ניט צו די קעץ און צו די מייז, נאָר צו מענטשן) מיט טיוועדיקע גלידער און צאַר פון הונגעריקע צוויי מעסלעס". ער „צענעמט אויף נאָדלען די געהערן", ער ברענט קראַנק און טייוועדיק און צו זיין איין איינציק קינד, צו זיין בלאַנדן דרייעריק מיידעלע „זינגט" ער:

אונטער דער אומרואיקער הויט
פון דיינע נעגל
איבערט די נאַכט פון ערשטער
באַהעפטונג,
אויף א הייפּעלע ערד— גענוג
פאַר א וואַזאַנע
האָבן צו דריי יאָרן דיינע שוין
אויסגעמאָלט
אַזאַ שיינעם בלוטיקן סעגל,
איז ווי זאָל דיך דער טויט ניט
האָבן האַלט
א, בלאַנדע, האַרבסטיקע קינד,
אז אויף דיין קראַנקנדיקן וועג
פריים זיך שוין ניט איין
וואָראַנע
און מיט נעכט זיינען בלינד
דיינע ליכטיקסטע טעג.

דאָ קומט צו צו דער פּאַטאָלאָגיע — נעוראַסטעניע, דאָס איז שרעק פאַרן לעבן. עס ווירקט טיילווייז סאָציאַל, די „וואָראַנע" (קראָ) קאָן זיין די פּאַראַזיטישע שרעק, אָבער עס איז נאָר טיילווייז סאָציאַל שוין פּאַשעט דערפאַר, ווייל עס איז דאָ ניט פאַראַן קיין צאָרן, נאָר שרעק און אָרעם־שטרעקעריי צום טויט. און דאָס איז אַנטיסאָציאַל. אונדזער דיכטער זאָגט בעפּירעש צו זיין קינד טאַקע אין זעלביקן ליד, אז דער טויט איז די אויסלייזונג:

און ווען דער גוטער טויט
קומט און
דאַכט זיך— א פאַרקלערטער
מאָלער רייט
און פאַכעט סטאַם אזוי א
שוואַרצע פאָן.

די נעוראַסטעניע איז א הויפּט־מאָטיוו אין מעינקע קאַצס געשרייען. ער זעט „נעוראַסטענישע וועלט אין א קרומען טאַנץ" און זעט ווי —

פון שענסטן בוים בליט א
טהאָרע־ברעט
פאַר דיר און מיר.

עס מאַכט זיך זייער זעלטן, ווען בא מעינקע קאַץ גיט א בליץ אביסל א ליכטיקער געדאַנק. אָט א די העלערע, כאָטש אויך גענוג פּאַטאָלאָגישע שורעס זיינען דוכט מיר די איינציקע אין ביכל „דריי שוועסטער":

גיי איך אין כוישעך לעבעדיק
און העל
און אַליין איז מוירעדיק אזוי
גוט,
וויל איך פאַר אומרו וואַיען
מיטן היצלם הינט
וויל איך פאַר אומרו שטאַרבן
זיבן מאָל.
לעמפּלעך פאַרקלערטע פינקלען
ווי מיין בלוט
און קלערן אויס
אויף יעדער שטיין א היאַצינט
און פינקלען אויס
אויף סקווער און געסעלע א פינקלענדיק

אָט דאָזיקע הע

[illegible]
איז ניטאָ און שטאַרבן צוליב איך
זיבן מאָל...

מעינקע קאַץ באַזינגט קעסיידער די דריי שוועסטער, באַזינגט דער ערשטערס דריי ניט געבוירענע אינגלעך (ער ווייסט געניי, אז דריי — דריי און סעגל איז זיין מאַניע) ער באַזינגט די דריי שוועסטער נאָך זיין טויט, ער באַזינגט זיי ווען זיי זיינען שוין טויט. זייער טויט פאַרבינדט מ. קאַץ מיט עפּעס אָנזאָג אויף אויסלייזונג, אָבער נאָך מער אויף... אויפלייזונג:

געזונטע קינדער וועלן באַלעמען אין זאַטע וויגן,
אז זיי רייסן זיך פון א שפּינוועב ווי קראַנקע פליגן
אין „קרעמל"
וועט די שרעק אַליין זיך אויגעדיק צעשרעקן,
לענין וועט פון מאַראַנגירטן
שלאָף זיך וועקן
און צעוואָרפן זיין געשטאַפּטן
(? י. ב.) האָריז און שטערן
און ווי דער שענסטער זונפאַרגאַנג— ניט ווערן.

דאָס איז א מין בודיסטישער לעניניזם, א נירוואַנע מיט קאָמוניזם...

און דאָך איז דאָ פאַראַן ע
עכטקייט, עס איז ניט קעסיידער
אַנגעשטעקטקייט און קיין פּאָזע,
סטאַרטשעט ניט קעסיידער
מיילעך ראַוויטש פון די נאַקעט
דער, א. צ. גרינבערג פון „מעפּ
און איציק מאַנגער פון זיינע
וועגן נאַכט, מעשוגאַעס און ז
עפּעס עכטקייט
און א סאַך אַנגעשטעק
איך וואָלט מעינקע קאַצן
אז אַזוינע
באַריכטע
ליב נעט
ן איינמאָל האָט
ניט קיין וואַקס
איז זיך האָט גע
אַביט, פערדן־מיט
ער אויסגעקנעטן א וואונדער
פיגור. זייט דעמאָלט האָבן אַ
שילער געקלעפּט פיגורן פון
מיסט.
שיין אזוי ווי בא ראַ
ניט גע
אָבער „געשמעקט" אזוי
איך פאַרשטייט, באַוווּ
קאַץ, מאַנגער וואָלט
אויפהערן שפּינען און וועבן
פון זוניעס, נאַכט, מעשוגאַ
טויט, ער וואָלט שוין אויך גע
זוכן לויטערקייט, קלאָרקייט און
בן, אָבער בא אים „שמעקט"
שיין און זעט אויס „שוין",
נאָכמאַכן דאַרף מען ניט דע
רערס „מיסטיקייט", נאָר—
שיינקייט".
וואָלט איך געמיינט, אז
קאַץ איז הוילע פּאַטאָל
איך אים געשיקט צו א
מאַכט אָבער דעם איינד
אין פאַראַן בא אים א
בראַוואָור און אימיטאַציע
וואָלט געקאָנט זיך באַפ
אומגויטיקע מיעסקייטן א
זינגען, איז שרייען לידע

יעקב באטאשאנסקי
די פרעסע (בוענאס
איירעס), 15טן אפריל 1932